בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ס"א**
**חקת** (קרח בחו"ל) **תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

צריך להתמהמה הרבה

ויבז עשו את הבכורה

בא אחיך - ויקח ברכתך

דעם רבי'נס מח און רבי נתן'ס מויל

נוצר תאנה יאכל פריו

שוין ענטפערן?!...

להבין הדבר בפשיטות במקומו

אם לא תדעי - צאי לך בעקבי הצאן

כבוד הצדיק!

כשנתחדש הלכה - נתחדש שכל וידיעה

ואם לא יבין תיכף - יבין אחר כך

עניה במקומה ועשירה במקום אחר

לפרש הדבר בלשון שמבין

שיהא שם שמים מתאהב על ידך

והצנע לכת עם אלקיך

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 61**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# ❧ פרשת תולדות, שנת תשל"ה ❧

(טייפ מס' 59#)

## צריך להתמהמה הרבה

(חסרה ההתחלה, מדבר ע"פ תורה א')[א] - - - 'מלכות' האט פון זיך גארנישט, די 'מלכות דסטרא אחרא' וויל דאך אויך נישט פארשטיין? נאר וואס דען, דער תירוץ איז - נאר די איינע זאך וואס די 'מלכות דקדושה' פארשטייט טאקע אויך גארנישט, די 'מלכות' איז נאר א 'לבנה', אבער זי שטייט לעבן די 'חמה', און זי וויל פארשטיין - זי וויל אז די 'חמה' זאל אין איר ארייננשיינען!

זאגט דער רבי - דארף מען נאר געבן 'כח' די 'מלכות דקדושה', וויבאלד אז ס'איז 'מלכות', מוז מען האבן 'כח'.

❖

אז רבי נתן איז טאקע געווארן מקורב, האט ר' נתן געזאגט: "ביז מען ווערט אן 'איש כשר' - 'צריך להתמהמה הרבה' - דארף אסאך געדויערן"...![ב]

דאס הייסט די 'לבנה'! די 'לבנה' ווייסט אז דער 'אור השכל' איז זייער גרויס, וועל איך שטיין לעבן דעם 'אור השכל', האבן א התקשרות צו דעם 'אור השכל', צו די 'חמה', די 'שמש', דער 'צדיק', וועט ער מיר ארייננשיינען!

און וואס איך וועל שטיין נענטער, וועט ער מיר מער ארייננשיינען!

---

[א] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' א': אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת 'נוּן' ... וְזֶה בְּחִינַת 'לְבָנָה', כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ, וְזֶהוּ בְּחִינַת 'מַלְכוּת', 'דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם', אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחַיּוֹת, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל ... אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו שֶׁבִּזָּה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכוֹרָה"; דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל ... בְּחִינַת 'מַלְכוּת הָרְשָׁעָה', בְּחִינַת 'לְבָנָה דִּסְטְרָא אָחֳרָא'...

[ב] עי' כל סיפור הענין בארוכה בס' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ד.

דער ענין פון 'לבנה' האט נישט קיין שיעור, ס'איז אזא מין אור וואס וויפיל דער מענטש שטייט נענטער שיינט אריין אין אים מערער!

דער חילוק פון 'יהושע' מיט די אנדערע תלמידים איז געווען, אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה'ן: "**קח לך את יהושע בן נון!**".[ג] די 'זקנים' זענען דאך אויך געווען?! אזעלכע גדולים געווען דעמאלט!? פונדעסטוועגן "קח לך יהושע בן נון"! ווייל 'יהושע בן נון' איז געווען די 'לבנה', וואס ער איז געווען ממש 'משה', משה האט אין אים אינגאנצן אריינגעשיינט!

אין דעם ערשטן קאפיטל פון יהושע, האט דער אויבערשטער געזאגט צו יהושע'ן: "**לא ימוש ספר התורה הזה מפיך**",[ד] זאגט דער רבי דארט אין תורה י"א:[ה] 'לא ימוש' איז א לשון 'גשמיות', די תורה זאל נישט ווערן 'נתגשם מפיך'! אזוי האט דער אויבערשטער געזאגט צו יהושע'ן.

ביי משה רבינו איז געווען אזא מין 'אור התורה' אז 'שכינה מדברת מתוך גרונו', איז די תורה נישט געווארן נתגשם בפיו של משה, האט דער אויבערשטער געזאגט צו יהושע'ן: ביי דיר זאל אויך אזוי זיין, "לא ימוש - מפיך", די תורה זאל נישט נתגשם ווערן פון דיין מויל, ס'זאל אזוי לייכטן אזוי ווי ס'האט געלייכט ביי משה'ן!

און דער אויבערשטער האט געזעהן אז ס'איז טאקע אזוי, פארוואס? ווייל בחייו (של משה) איז ער געווען אזוי ווי מען רעדט דא, טאקע 'מעצמו' איז ער געווען א 'לבנה', 'אין לה אור מעצמה כלום', אבער נאר 'מה שמקבלת מהשמש' - -

❖

# ויבז עשו את הבכורה

ס'איז א געוואלדיגער גאנג דאס, מען רופט אן דעם יצר טוב 'מסכן וחכם',[ו] מצד עצמו איז ער דאך א 'מסכן', אן ארימאן, פארוואס רופט מען איהם אן 'חכם'? ווייל

---

[ג] במדבר כ"ז י"ח.

[ד] יהושע א' ח'.

[ה] אות ב', ועי' גם תו' ק"י.

[ו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' א': וְזֶה בְּחִינַת 'יֵצֶר טוֹב' 'וְיֵצֶר הָרָע', כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא **"מִסְכֵּן וְחָכָם"** (קֹהֶלֶת ד), בְּחִינַת 'מַלְכוּת', שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה. וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא

ער שטייט לעבן דעם 'חכם'! אז ער שטייט לעבן דעם חכם איז ער אויך א חכם, דער חכם שיינט דאך אין אים אריין, איז ער 'מסכן' מצד עצמו און 'חכם' מצד דעם צדיק.

דער יצר הרע איז דאך אויך א 'מסכן', נאר ער וויל אבער נישט פארשטיין, "**לא יחפוץ כסיל בתבונה**", ער וויל נישט פארשטיין, ער איז מבזה גאר דעם שכל, "**ויבז עשו את הבכורה**", ער איז מבזה דעם שכל.

❖

אין דעם מדרש פון די היינטיגע וואך שטייט,[ז] [מען דארף לערנען מדרש!], אז דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט: 'יצחק' האט אנגערופן עשו'ן '**בנו הגדול**', און רבקה האט אויך געזאגט, "**ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול**", האט זי אויך אנגערופן 'הגדול'. זאגט דער מדרש אזוי: יצחק, דו רופסט אים אן 'גדול', און זי רופט אים אויך אן 'גדול', און איך זאג, "**קטן נתתיך בגוים בזוי אתה מאד**"!

רופט אים דער אויבערשטער אן 'בזוי אתה מאד', פארוואס 'בזוי'? ווייל '**ויבז עשו את הבכורה**', ער האט מבזה געווען 'אמונתו של מקום'!

איז דאך אינגאנצן דער חילוק נאר פון עשו'ן - קומט דאך אויס - אז 'עשו' איז 'מבזה' דעם שכל, און 'יעקב' האלט חשוב דעם שכל!

❖

# בא אחיך - ויקח ברכתך

אין די היינטיגע סדרה שטייט אין זוהר הקדוש,[ח] אז 'יעקב' איז געווארן געבענטשט אזוי פיל מאל, איינמאל האט ער באקומען די ברכה פון יצחק'ן, דאס הייסט 'בערמה', מיט 'חכמה', און נאכדעם ווען ער איז אוועקגעפארן האט ער אים נאכאמאל געבענטשט, "**וא-ל שד-י יברך אתך ויפרך וירבך, ויתן לך את ברכת אברהם**",

---

'מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל', בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל ... **וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא**...

[ז] בראשית רבה ס"ה י"א.

[ח] דף קמ"ו ע"א.

ווען ער איז אוועקגעפארן צו לבן'ען, האט ער אים געבענטשט אין חרן, און אין וישלח איז ווייטער דא - אין חלום האט ער אים נאכאמאל געבענטשט. האט ער אים 'פיר מאל' געבענטשט!

זאגט דער זוהר, אז יעקב האט געזעהן אז ער איז אזוי פיל ארומגענומען מיט ברכות, האט ער געזעהן אז איצטער דארף ער נישט האבן אזוי פיל ברכות, קעגן עשו'ן איז מיר גענוג 'איין ברכה', און די 'דריי' פארבאהאלט ער אויף איצטער, אויף איצטערדיגע צייטן פאר משיח'ן! אויף 'איצטער' לאז איך איבער די ברכות, די ברכות זאלן זיי ראטעווען! איצטער וועל איך נעמען נאר איין ברכה!

זאגט דער זוהר, וואספארא ברכה האט ער גענומען? נאר די ברכה וואס יצחק האט אים געגעבן בשעת ווען ער איז אוועקגעפארן צו לבן'ען, "וא-ל שד-י יברך אתך ויפרך", די ברכה האט ער גענומען!

כאטש פון אויבן איז דאך א גרויסע ברכה, נאר די ברכה האט ער גענומען מיט זיך אויף איצטער, און די אלע דריי ברכות האט ער געלאזט אויף די איצטיגע צייט!

❖

"ויעקבני זה פעמים, **את בכרתי לקח**", זאגט דער זוהר,[ט] 'בכֹרָתי' און 'בִרְכָתי' איז די אייגענע אותיות, פון די 'בכורה' איז געווארן 'ברכה'.

❖ ❖ ❖

# דעם רבי'נס מח און רבי נתן'ס מויל

הכלל, דאס איז דער ענין פון 'תמימות ופשיטות' וואס מיר דארפן צוגיין צום רבי'ן, אן קיין שום אייגענעם שכל! ביסטו מקורב געווארן צום רבי'ן - נוץ נישט 'דיין' שכל, זיי א 'לבנה' קעגן דעם צדיק, וועט ער אין דיר אריינשיינען - דורך יעדן דיבור, יעדע זאך, דעמאלט וועסטו זיין 'כאור החמה', כאטש אז 'מעצמו' האסטו גארנישט!

און די וואס זענען טאקע געווען מיט 'תמימות ופשיטות' האבן טאקע געמאכט גוט, געמאכט גוט!

---

[ט] דף קמ"ה ע"א.

❖

דער רב פון לעמבערג - ער איז נישט געווען קיין ברסלב'ער חסיד, האט ער גענומען דעם ספר, האט ער געזאגט: **"דאס איז דעם רבי'נס מח און רבי נתן'ס מויל!"**.[י]

דער רב פון לעמבערג, ר' נחמן טולטשינער איז איינגעשטאנען ביי אים שבת, ער איז געגאנגען דרוקן דעם 'לקוטי הלכות', האט ער אים געוויזן דעם (כתב היד של הלקוטי הלכות), האט ער געזאגט (- הרב הנ"ל): אז דער רבי איז איינגעשטאנען דארט אין שטוב ביי זיין טאטן, [דער טאטע איז געווען רב אין לעמבערג, און נאכדעם איז ער געווארן רב - דער זון] האט ער געדענקט דעם רבי'ן, **"'פיסטאלן'** (ביקסן) **שיסן אין מיך אריין - איך האב נאך נישט זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן! דער רבי האט מיר געזאגט, אז איך וועל קומען צו אים וועט ער מאכן פון מיר אזוי ווי ער האט געמאכט פון נת'לען!"**.

ער האט דערציילט אז ער איז געווען ביי זיין טאטן [מן הסתם איז ער געווען א קינד, אבער ער האט שוין געווים געהאט שכל, ער האט שוין געדענקט, א קינד געווען נאך אין די אינגערע יארן, אפילו ר' נחמן איז שוין געווען דעמאלט מסתמא א דרייסיג יאר]. דער רבי - זאגט ער - פלעגט דארטן גארנישט רעדן, ווייל צוליב דאס קראנקייט האט ער גארנישט געטארט רעדן, נאר טאמער האט ער עפעס גערעדט איז געווען וואס צו הערן, און טאמער ער האט דערציילט א מעשה פון 'ארץ ישראל' איז געווען (נפלא מאוד)!

האט ער דערציילט, ס'איז געווען אמאל א 'שלוש סעודות', האט זיך אנגערופן דער רבי: **"איך וועל אייך דערציילן א מעשה פון ארץ ישראל"**! נו, און דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן, האט ער געזאגט אויף זיך (- הרב הנ"ל): "האב איך געפילט אז דער רבי גייט אויס, פאר גרוים דביקות, ס'איז שוין געווען נאכט, האב איך געזאגט 'המבדיל' און איך האב אנגעצונדן א לעכט און אריינגעקומען, האט דאס איבערגעהאקט!" האט דער רבי אים געדאנקט אויף וואס ער האט דאס געטוהן!

---

[י] עי' כל הסיפור בארוכה בס' אבניה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת אות כ'. ובשיש"ק הנדמ"ח ח"א אות ק'.

האט ער דערציילט וואס פאר א מין ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט ער האט געהאט צום רבי'ן, בשעת וואס דער רבי איז דארטן געווען.

נאך זאכן האט ר' נחמן טולטשינער געהערט פון אים פונעם רבי'ן, אז ר' נחמן טולטשינער האט געהאט אזא מין זאך - הערן נייע זאכן פונעם רבי'ן.

האט ער געזאגט אז "דאס איז דעם רבי'נס מח און רבי נתן'ס מויל!".

אוודאי, אז מען קען זאגן ס'איז דעם רבי'נס מח! ווען קען מען זאגן ס'איז דעם רבי'נס מח? אז מען האט טאקע אינגאנצן דעם מח אויסגעהוילט (אויסגעליידיגט), און יעדער זאך איז טאקע נאר דעם רבי'ן, איז טאקע דעם רבי'נס מח!

אז ער (ר' נחמן טולטשינער) איז געקומען צו ר' נתן'ען, האט ער געזאגט אז דער 'רב' האט אזוי געזאגט (כנ"ל, ענה על זה מוהרנ"ת ואמר): "**נו, איך זאג אויך אזוי! מיין ספר איז דעם רבי'נס מח און מיין מויל!**".

❖

# נוצר תאנה יאכל פריו

די זאך איז אזוי: דאס האט נישט קיין 'גבול', וואס מען האט 'מער' ביטול צום רבי'ן, און וואס מען ליגט מער מיט די געדאנקען אין רבי'ן, איז אביסעלע מערער דא דער ענין פון 'אור הלבנה כאור החמה'! ס'האט נישט קיין שיעור.

די 'אלע תלמידים' פון משה רבינו זענען געווען א 'בחינת לבנה', אבער 'לבנה ממש' איז נאר געווען 'יהושע'!

האט דער אויבערשטער טאקע געזאגט: "**קח את יהושע בן נון, איש אשר רוח בו, ונתת מהודך עליו**".

משה רבינו האט געמיינט אז ער וועט נעמען זיינעם א 'זוהן' (למנהיג), ניין ניין! 'נוצר תאנה יאכל פריו'! 'נוצר תאנה' - ער האט דיך משמש געווען – יאכל פריו![יא]

❖

---

[יא] במדבר כ"ז ט"ז, ורש"י שם ד"ה יפקוד ה'.

ווען ס'איז די גאנצע מחלוקת געווען פון ר' סענדר טירהאוויצער מיט ר' נחמן טולטשינער,[יב] און דעמאלט איז "ר' מאיר טעפליקער" געקומען צו פארן, ער איז געווען אין ארץ ישראל, ער איז געקומען צו פארן דארטן, ער איז געקומען פאר ראש השנה - ר' מאיר, עפעס איינמאל אין צען יאר פלעגט ער קומען, און ר' סענדר האט געוואלט אביסל זיך אויסרעדן פאר ר' מאיר'ן, ר' מאיר איז געווען ביי ר' נתן'ען זייער חשוב, איז ער צוגעגאנגען און האט אנגעהויבן צו רעדן, האט ר' מאיר אים נישט געלאזט רעדן, "ר' נחמן?! ר' נחמן?! **ר' נחמן האט געטראגן די פאמעניצעס ביי ר' נתן'ען!"**, [די 'פאמעניצעס' - די אומריינע וואסער אויסגיסן].

האט ער גארנישט געלאזט רעדן! "ר' נחמן?! ר' נחמן?! ר' נחמן האט ארויסגעטראגן די פאמעניצעס ביי ר' נתן'ען!", שוין אפגעקלאפט, ער האט גארנישט וואס צו הערן אפילו!

❖

ר' מאיר האט דאך געוואוינט דא (בארץ ישראל), ער האט געוואוינט אין 'צפת'. נאר וואס דען, איינמאל אין צען יאר איז ער געקומען צו פארן אויף ראש השנה קיין אומאן.

(רמ"ב: עס שטייט דארטן אין די בריוון פון ר' יצחק'ן סוף עלים לתרופה, אז ברוך השם מען האט זיך געשטארקט, ר' אבא'ס זון האט געווירקט אויף ר' מאיר'ן - **"אזר כגיבור חלציו, התגבר על כל המניעות"**, שטארקע לשונות - וואס מען האט זיך מתגבר געווען אויף די מניעות און געפארן, א דאנק דאס וואס ר' אבא'לע איז געווען דא!)[יג] **יא יא!**

❖

---

[יב] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות נ"ח, ובקונטרס טעם זקנים מ"ח, ובשיש"ק הנדמ"ח ח"ב אות תקל"ד.

[יג] מכתב ט"ו: וְהִנֵּה בִּנְסִיעָתָם הַטּוֹבָה לְפֹה הִצְלִיחוּ וְגַם עָשׂוּ פְּרִי, אֲשֶׁר כְּבוֹד יְדִידֵנוּ הַיָּקָר הָרַב מֵאִיר נ"י נִתְעוֹרֵר מִזֶּה, וְאָזַר כְּגִבּוֹר חֲלָצָיו וְשָׂם נַפְשׁוֹ בְּכַפָּיו לָבוֹא לְאוּמַאן, לִזְכּוֹת לִהְיוֹת נִמְנֶה בֵּין הַקִּבּוּץ שֶׁלָּנוּ הַמִּתְאַסְּפִים לְשָׁם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ הבעל"ט, לְהִסְתּוֹפֵף בְּצֵל כְּבוֹד הננמ"ח זצוק"ל זי"ע הַשּׁוֹכֵן בְּשָׁם. יְהִי ה' עִמּוֹ, וְיַצְלִיחוֹ בְּדַרְכּוֹ לְשָׁלוֹם, וְיִזְכֶּה לָבוֹא לִמְבֻקָּשׁוֹ הַטּוֹב כְּכָל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ, וְלָשׁוּב לְבֵיתוֹ בְּחַיִּים וְשָׁלוֹם, לַעֲמֹד עַל מִשְׁמַרְתּוֹ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְחִיּוּת נִפְלָא כִּרְצוֹנוֹ הַטּוֹב.

(חסר קצת) - - - דער רבי איז געווען אמאל אין טעפליק אויף א ברית, ס'איז געווען א צווילינג געבוירן געווארן, דער רבי איז געווען אויפ'ן ברית,[יד] (רמ"ב: ביי ר' שמואל געווען?) יא. און דער רבי האט זיך אנגערופן: "איידער צוויי קראנקע - צוויי שוואכע, איז בעסער איינס א געזונטס!", אזוי האט דער רבי געזאגט! (עיי"ש הסיפור).

דער אויבערשטער וועט העלפן!

דער ענין פון "זייט אייך נישט מייאש" (שאמר רבינו) - איז אין יעדן פרט! (בין ברוחניות ובין בגשמיות).

❖ ❖ ❖

## שוין ענטפערן?!...

(ר' משה בינענשטאק מבקש רשות לשאול בשליחות הרה"ח ר' נתן צבי קעניג ז"ל, בנוגע כמה ענינים שנתעוררו בהם איזה בחורים מתלמידי הישיבה דחסידי ברסלב בב"ב) ענטפערן גלייך?! ר' נתן איז אמאל געווען אין טעפליק, האט אים איינער געפרעגט א זאך, ר' נתן האט נישט געענטפערט, האט ער נאכאמאל געפרעגט, ער האט נאכאמאל געפרעגט, האט ר' נתן אים געזאגט: **"איך קען זיך נישט קיין עצה געבן צו זאל איך עסן נאך א לעפל בארשט, אפשר איז שוין גענוג, און דו ווילסט איך זאל דיר שוין ענטפערן?!".**[טו]

(רמ"ב: עס איז א זאך וואס מען האט שוין גערעדט וועגן דעם), דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אז מען זאל כאטש וויסן דאס דאזיגע - "אז מען ווייסט גארנישט", פון אזעלכע זאכענישן קען מען ווערן אזא 'מפורסם של שקר', דער פרעגט און דער ענטפערט - א גאנצער געשעפט ווערט...

❖

---

[יד] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ג (ב).

[טו] עי' שיש"ק ח"א אות קפ"ד.

# להבין הדבר בפשיטות במקומו

נו וואס פרעגט ער? (רמ"ב: וועגן זאגן, 'זאגן' ביים לערנען), ניין ניין! איך האב היינט געזעהן אין 'ביאור הלקוטים' ברענגט ר' אברהם ר' נחמן'ס: **"אז מען פארשטייט נישט דעם לימוד, הייסט אינגאנצן נישט געלערנט! הייסט נישט קיין לימוד אינגאנצן!".**[טז]

מיר האבן געזעהן "ר' שמשון", ר' שמשון איז געווען - אזא איד איז היינט נישטא! ער האט געהאט א באזונדערן 'חדר' אין שטוב וואס קיינער איז נישט אריינגעקומען אין דעם חדר אריין, אז ער איז אוועקגעגאנגען האט ער פארשלאסן די טיר, די 'בני בית' איז קיינמאל נישט אריין אין דעם חדר אריין, דארטן האט ער געדינט דעם אויבערשטן, ער האט אזוי מקפיד געווען ס'זאל קיינער נישט אריין אין שטוב אריין!

ער האט נישט געקענט לערנען - ר' שמשון (לא היה כ"כ 'למדן'), איז איינער געווארן מקורב צו אונז, א חתן, דעם אסטראווצער רב'ס א תלמיד, א גרויסער למדן געווען, געקומען פון 'לאדזש', און ער האט נישט געקענט פארן קריק (מחמת פרוץ מלחמת העולם), און ער איז געבליבן אין אומאן א שטיקל צייט, האט זיך ר' שמשון געמאכט מיט אים א שיעור, ער האט מיט אים געלערנט 'גמרא', ער האט טאקע 'געלערנט' גמרא!

נאך מענטשן וויים איך, וואס זענען געווען 'נישט קיין גרויסע לומדים', און זיי האבן געלערנט גמרא - זיי זאלן 'פארשטיין' די גמרא!

פון וואנעט איז דאס געווארן א געשעפט מען זאל 'זאגן' גמרא?! ווער זאגט זיי 'זאגן' גמרא?! "מען דארף 'זאגן גמרא! מען דארף זאגן גמרא!" (כך הם אומרים).

---

[טז] עי' בפתיחה לס' ביאור הליקוטים (והוא גם כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות י"ב): ... כִּי בַּתּוֹרָה שֶׁבְּנִגְלֶה, תַּלְמוּד בַּבְלִי וִירוּשַׁלְמִי, גַּם אִם נִמְצָא בָּהֶם לִמּוּד אֶחָד פָּשׁוּט, **לְהָבִין עַל־כָּל־פָּנִים בִּפְשִׁיטוּת מַאֲמַר הַגְּמָרָא, כִּי בְּלִי זֶה לֹא נִקְרָא בְּשֵׁם לִמּוּד כְּלָל**, נִמְצָא בְּכָל זֶה לִמּוּד הָעִיּוּן, אֲשֶׁר הַלּוֹמְדִים בָּהֶם יָשִׂימוּ עֵינֵיהֶם לְעַיֵּן וּלְהַעֲמִיק יוֹתֵר... (ועי' מגן אברהם או"ח סי' נ' ס"ק ב: ... אבל עכשיו שאין מבינים לשון תרגום צריכים ללמוד להבין **דאם לא כן אינו נחשב ללימוד** ... ועי' עלים לתרופה מכתב ו', בתוך הדרכה לסדר הלימוד לבנו: ... **וְתָשִׂים עֵינֶיךָ וְלִבְּךָ לְהָבִין הַדְּבָרִים הֵיטֵב, וְלֹא תוֹנֶה אֶת עַצְמְךָ**, וְגַם לֹא תְּדַקְדֵּק יוֹתֵר מִדַּאי בְּחִנָּם, כַּאֲשֶׁר כְּבָר דִּבַּרְנוּ בָּזֶה ...)

מען איז זיך נוהג אז ס'קומט דארטן 'אלול' זאגט מען 'תיקונים', ס'קומט דארטן 'שמות', 'צירופים', דארטן - נו - פארשטיי איך נישט, איז 'זאג איך'! אפילו 'תיקונים' איז אויך, א ענין וואס מען ווייסט יא - ווייסט מען יא, אז נישט - זאגט מען. אבער 'לערנען' (גמרא וכדומה) ווייסט מען דאך!

איך האב היינט געזעהן אין די הקדמה פון 'ביאור הלקוטים', ברענגט ר' אברהם ר' נחמן'ס: "אז מען פארשטייט נישט - איז דאס נישט קיין לימוד אינגאנצן!".

פון וואנעט האט ר' אברהם ר' נחמן'ס זוכה געווען צו זיין אזא מין 'למדן', אזא מין 'בקי'?!

ר' שמשון איז געווען א געוואלדיגער 'בעל תנ"ך', ר' שמשון אז ער פלעגט לערנען א שטיקל לקוטי מוהר"ן האט עס געשמעקט! ער איז געווען קלאר אין תנ"ך מיט דעם רש"י, ער האט געלערנט מיט קינדער. ער פלעגט נאכזאגן א פסוק - ווען דער רבי ברענגט א פסוק - מיט רש"י, וואס רש"י טייטשט איין אין פסוק! א געוואלדיגע געשמאקייט איז געווען ביי אים.

האט ער געקענט 'זאגן'!? האט ער געקענט 'זאגן גמרא'!? פארוואס האט ער גע'דארפט (ללמוד עם החתן הלמדן הנ"ל)?! זאל ער 'זאגן'!?

"מען דארף וויסן וואס מען לערנט! אז נישט איז גאר קיין לימוד נישט"!

פון וואנעט האט מען עס גענומען? איך האב תמיד געהערט אז דער רבי האט געהייסן אן ענין פון 'בקיאות', מען זאל נישט אזוי פיל 'קוועטשן' דארטן, אבער אז איך וויל וויסן וואס איך רעד - דארף איך דאך וויסן וואס איך רעד! 'זאגן'?!

(רמ"ב: ס'איז עפעס א משמעות אין שיחות הר"ן סי' ע"ו דארטן),[יז] (ר' נחמן בורשטיין ז"ל: דער רבי זאגט מען דארף 'זאגן', אבער דער רבי זאגט פארדעם פריער "ארייגלייגן דעם קאפ"), דעם מח! וואס הייסט דעם מח? מח איז דאך 'פארשטיין'! ארייגלייגן דעם מח איז דאך 'פארשטיין'!

(ר' נחמן בורשטיין: דער וואס האט שוין געלערנט צען מאל ש"ס, קען ער זאגן!).

---

[יז] עי' שם בארוכה, וז"ל בתו"ד: וְסִפֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה בְּעִנְיָן זֶה שֶׁטּוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ, וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם, וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן, וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר...

**דאס איז נישט קיין ריכטיגע שיחה** (- שרבינו סובר שצריך רק 'לומר'), **דאס איז פארגרייזט געווארן, דער רבי האט נישט דאס געמיינט!**

**די וועלט קוקט עס אן ללעג ולקלס, "ברסלב'ער רבי האט געהייסן 'זאגן' גמרות", "מען דארף נישט פארשטיין, מען דארף זאגן", דאס איז עפעס א געלעכטער!**

**אבער די זאך - איר זאלט אוועקלייגן די זאך... איך דארף 'וויסן' וואס איך זאג! נאר וואס דען? וויבאלד ס'איז א ענין פון 'בקיאות', דארף איך נישט מאריך זיין אינעם לימוד.**

(ר' נחמן בורשטיין: דער 'פלא יועץ' רעדט טאקע וועגן לערנען, זאגט ער וועגן 'תהלים' מיט 'זוהר', אז כאטשיג אלע לימודים וואס ער לערנט - אז ער פארשטייט נישט - דער וואס 'זאגט סתם' הייסט נישט געלערנט, אבער 'תהלים' מיט 'זוהר' זאגט ער יא זאל ער 'זאגן', אפילו ער פארשטייט נישט).[יח]

❖

# אם לא תדעי - צאי לך בעקבי הצאן

(הנוכחים מתווכחים בנידון הנ"ל, וא' מזכיר את מאמר חז"ל שמביא רביז"ל בשיחות הר"ן "ליגרים איניש... ואף על גב דלא ידע מאי קאמר" וכו'),[יט] **וועגן דעם "ולא ידע מאי קאמר" וועל איך דיר זאגן אזוי: "אם לא תדעי לך היפה בנשים" - א פסוק איז דא אין 'שיר השירים' - "צאי לך בעקבי הצאן"!**[כ] **זעה ווי אזוי 'אונזערע לייט' האבן זיך געפירט זיך!!**

---

[יח] עיי"ש ערך זוהר: ... ונהי שבלימוד המשניות וכ"ד יש דעות שצריך להבין לפחות מהו הענין שלומד, **אבל בלימוד תהלים זוהר הקדוש אפילו באין מבין כלל חשוב ומקובל ומרוצה לפני ה'...**

[יט] שם שיחה ע"ו: ... רַק יַבְנִים מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת, וּמִמֵּילָא יָבִין, וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף - יָבִין אַחַר־כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ מַה בְּכָךְ, כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רז"ל (שַׁבָּת סג.): **'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר וְאַף־עַל־גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר'** שֶׁנֶּאֱמַר "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה" וְכוּ'. כִּי עַל־יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל־יְדֵי־זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמְרָם וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל־יְדֵי־זֶה **מִמֵּילָא יָבִין בַּפַּעַם הַשֵּׁנִי וְהַשְּׁלִישִׁי כָּל מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה**, כָּל מַה שֶּׁאֶפְשָׁר לְהָבִין וְלַעֲמֹד עַל דִּבְרֵיהֶם.

[כ] שיר השירים א' ח'. [ועי' לקוטי הלכות ברכות הריח ד' אות ל"ז: וְזֶהוּ שֶׁמֵּשִׁיב לָהּ ה' יִתְבָּרַךְ, אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים, דְּהַיְנוּ שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מֵשִׁיב לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, **אִם אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ אֵיךְ** לְהִתְנַהֵג לְמִי לְהִתְקָרֵב, **צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן**, וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י, הִסְתַּכֵּל בְּדַרְכֵי אֲבוֹתֶיךָ הַטּוֹבִים וְהַלֵּךְ אַחֲרֵיהֶם, וּרְעִי אֶת גְּדִיֹּתַיִךְ וְכוּ'. הַיְנוּ מַה שֶּׁאָמַרְנוּ לְעֵיל, כִּי אַף-עַל-פִּי שֶׁעַכְשָׁו נִתְבַּלְבֵּל הָעוֹלָם מְאֹד, וְאֵין יוֹדְעִים הֵיכָן הָאֱמֶת **אַף-עַל-פִּי-כֵן כְּבָר הִקְדִּים ה' יִתְבָּרַךְ רְפוּאָה שֶׁזָּכִינוּ לְקַבֵּל אֶת הַתּוֹרָה, וְאָנוּ צְרִיכִין לֵילֵךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן, בְּדֶרֶךְ אֲבוֹתֵינוּ,**

איך האב געהערט אסאך מענטשן וואס האבן געהאלטן די זאך פונעם רבי'נס זאך, פלעגן אויך 'לערנען' אלע טאג 'זיבן בלאט גמרא', זיי האבן נישט מפסיק געווען אינדערמיט!

עס איז געווען איינער א פראסטער מענטש (איש פשוט מהנ"ל), און ס'איז געווען דארט דער "חארקוב'ער רב"[כא] און ער האט גערעדט פון א - (סוגיא בפרק) 'העור והרוטב' (במסכת חולין), האט יענער זיך אנגערופן: "אין דעם פרק 'העור והרוטב', אין 'חולין'!" - דער פרק איז פון עניני טומאה, א שווערער פרק.

האט ער געזאגט (הרב מחארקוב): "וואס איז דאס? ווי קומט צו דיר 'העור והרוטב'?", זאגט ער - ער לערנט! (ר' נחמן בורשטיין: ווען ער 'זאגט' - וואלט ער נישט געוואוסט!).

ער 'לערנט' און ער 'געדענקט'! האט ער זיך אנגערופן "אין 'העור והרוטב' אין 'הלכות טומאה'!". ס'איז א שווערער פרק! ס'איז אזוי געווען.

❖

ביים אנהויב לערנען, 'ברכות', 'ערלה', קען ער פארשטיין וואס ער לערנט, אפילו א 'טייטש' אויך - גיט ער א פרעג דעם טייטש אויך, אויב 'עמקות' - גייט ער ווייטער, און אזוי 'שבת', 'עירובין', ביז ער קומט צו 'סדר קדשים' איז ער פרעמד, איז אסאך זאכן דארטן וואס ער וועט נישט וויסן, דארף ער אויך - וויפיל ער קען וויסן זאל ער וויסן, איז ער מחויב צו וויסן, אי 'גמרא', אי 'רש"י'! קענסט נישט? גיי ווייטער! פארוואס? נישט דערפאר ווייל "איך ווייס נישט", נאר "ווען דו וועסט לערנען 'ווייטער' וועסטו וויסן 'דא'!".

איך האב געזעהן אמאל איינער א גרויסער למדן, היינט איז ער א גרויסער 'ראש ישיבה', איך האב אים געקענט נאך פון רוסלאנד אלס בחור, האט ער אמאל געלערנט אום שבת א גמרא אין 'חולין', איז דא א 'תוספות' דארט אין חולין, א 'למדן

בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה שֶׁמָּסַר לָנוּ מֹשֶׁה וַחֲכָמֵינוּ ז"ל מִדּוֹר לְדוֹר, שֶׁכָּל חֲכָמֵינוּ וּנְבִיאֵינוּ ז"ל חִבְּרוּ לָנוּ סְפָרִים קְדוֹשִׁים וִיקָרִים, וְהוֹרוּ לָנוּ דַּרְכֵי הַתּוֹרָה, וְאָנוּ צְרִיכִין לֵילֵךְ בְּעִקְּבוֹתָם... (עיי"ש לגבי חיפוש את הצדיק האמת).]

[כא] הרב ר' נחום כהאן זצ"ל, הרב של חסידי חב"ד בחארקוב, למדן מופלג, התקרב בשנת תר"צ ע"י ר' נשקע מטולטשין, אחרי שר' נשקע התאכסן אצלו. והיה בא לר"ה לאומן, וכן כמה פעמים במשך השנה. עובד ה' גדול וזהיר בקימת חצות, נעקד"ה בימי השואה הי"ד. (עי' שיש"ק ח"ז קנ"ו).

עצום' איז ער, לערנט ער א תוספות אין חולין, ער מוטשעט זיך, תוספות ברענגט דארטן א משנה פון 'טהרות', ער האט נישט גענומען דעם משניות - ארייננקוקן די משנה אין טהרות! איך זעה ער לערנט דעם תוספות, ער ברעכט זיך דעם קאפ, ער קען נישט די משנה אין משניות!

אז מען האט קיינמאל נישט פארשטאנען די משנה אין טהרות, וואס קען מען וויסן? "גיי צו, קוק א משנה אין טהרות"!

האב איך געזעהן וואס הייסט א 'למדן', "נעם ארויס א משניות, קוק, לערן די משנה!", ווי אזוי וויל מען מאכן פשטים אין תוספות אז ער לערנט נישט די משנה אין משניות?!

ס'איז פארהאנען אמאל א מענטש, אז ער איז פרעמד אין א לימוד, ער האט עס קיינמאל נישט געלערנט, אז ער וועט לערנען 'ווייטער' וועט ער וויסן 'דא'.

אפילו אין 'זבחים', זבחים איז א שווערע מסכתא, 'מנחות' איז א שווערע מסכתא, אסאך גמרא'ס איז דא וואס מען קען פארשטיין אפילו דאס ערשטע מאל אויך, און אסאך אזעלכע - נישט! ווייל ס'קען זיין די גמרא איז אין א אנדער (עשירים במקום אחר).

דאס האט דער רבי געמיינט! אז ער 'ווייסט וואס ער זאגט', נאר ס'איז א לימוד - דארט 'ווייסט ער נישט', איז "גיי ווייטער!", אבער נישט אומעטום! אז ער ווייסט יא - זאל ער וויסן!

ס'איז עפעס א 'ענוה פסולה', "איך ווייס נישט", "איך ווייס נישט די עמקות דערפון", אבער (באמת) איך ווייס יא!

אז איך וויל לערנען א ענין פון א 'בקיאות' - וויל איך דאך האבן א 'בקיאות', דאס איז א 'בקיאות' דאס?! אז איך וועל נישט געדענקען קיין גמרא דאס איז א 'בקיאות'? וואספארא 'בקיאות' איז דאס?!

❖

# כבוד הצדיק!

די גמרא רעדט דארט,[כב] "ר' יהושע בן חנניא" האט פוגם געווען אין דעם כבוד פון די 'בית שמאי', "הושחרו שיניו" - איז שווארץ געווארן די ציין - "מפני תעניתיו", אזוי פיל האט ער געפאסט!

מיר האט זיך געדענקט אז די גמרא זאגט אפילו ביי "ר' שמעון" אויך אזוי, אז "ר' שמעון בן יוחאי" האט אויך אזוי געטוהן, "ר' שמעון" האט פוגם געווען אין דעם כבוד פון "ר' עקיבא", איז אים שווארץ געווארן די ציין פון פאסטן, האט איינער געזאגט "ניין, ביי ר' שמעון שטייט עס נישט, ביי ר' שמעון איז קיינמאל נישט געווען אזוי", איך האב געדענקט אז ס'שטייט יא אזוי די גמרא, אין 'מסכת נזיר' - שטייט דארט[כג] אז "ר' שמעון" האט געזאגט א ווארט קעגן "ר' עקיבא", דאס האט געהייסן ער האט פוגע געווען בכבודו, "הושחרו שיניו מפני תעניותיו" - ר' שמעון! אזוי פיל האט ער געפאסט, אז ס'איז אים שווארץ געווארן די ציין פון תענית.

זעהען מיר דאך אז ס'איז א ענין פון - אז מען 'זאגט עפעס' (על הצדיק דברים שאינם נכונים, וגורמים בזה זלזול על הצדיק) האט מען עפעס א 'פגם'! עפעס 'פוגם געווען'!

ווי קומט מען זאגן אזא מין ווארט אויפן רבי'ן - אז דער רבי האט געהייסן 'זאגן' - ווען ס'איז גארנישט דא קיין שום ווארט אין דערינען!

❖

# כשנתחדש הלכה - נתחדש שכל וידיעה

ביי אונזערע לייט איז געווען "ר' יוסף יונה",[כד] איך האב אים נישט געקענט, ער איז געווען ר' אברהם'ס (שטערנהארץ ז"ל) שווער, האט ער עטליכע מאל איבערגעגאנגען "ארבעה שלחן ערוך'ס", עטליכע מאל, און מען האט געוואוסט אז מען וויל פרעגן א זאך - קען מען פרעגן "ר' יוסף יונה'ן"! פארוואס? ווייל 'מרוב הלימוד' איז ער געווען קלאר אין אלע ארבעה שלחן ערוך'ס!

---

[כב] עי' מס' חגיגה דף כ"ב ע"ב.

[כג] עי' מס' נזיר דף נ"ב ע"ב.

[כד] בנו הצעיר של מוהרנ"ת ז"ל.

איך זאג נישט "איך קען פסק'נען א שאלה" - פון 'ספיקות' צו וואס, אבער - "ארבעה שלחן ערוך'ס!". (שיהיה לו עכ"פ 'בקיאות' בהם).

פון "בעל שם הקדוש" שטייט, ער האט געזאגט צו די 'חברייא': "זיי זאלן זיין קלאר 'מחבר' מיט'ן 'רמ"א' "בעל פה", ווייל ס'איז געמאכט געווארן 'ברוח הקודש'!".[כה]

'לערנען', 'וויסן', ס'מאכט זיך אמאל א שאלה, א שטיקל מחבר - איך ווייס עס נישט - גיי איך ווייטער! לערן איך ווייטער - ווייס איך שוין די שטיקל מחבר אויך!

דער רבי זאגט דאך: "אז ס'ווערט נתחדש א 'הלכה', ווערט נתחדש א 'שכל בידיעת הבורא'!",[כו] אזוי ברענגט דער רבי אין די תורה.

אז איך 'ווייס גארנישט', אז איך 'זאג', ווי קען זיין א 'שכל בידיעת הבורא'?! א הלכה איז דאך אין 'מח', האט ער באקומען א נייעם 'שכל בידיעת הבורא', ווי קען זיין דער רבי זאל מיינען אויף 'זאגן'?!

מיר האבן דאך געזעהן אונזערע לייט, די 'פראסטע מענטשן', האבן מיר נאך געזעהן, זיי האבן אנגעיאגט תורה - האבן זיי געוואוסט וואס זיי לערנען! און מען האט זיי געקענט פרעגן א גמרא וואס א 'למדן' האט נישט געוואוסט די גמרא! ווייל ער האט דאך אומעטום געלערנט, ער האט דאך געקענט איבערגיין עטליכע מאל ש"ס, האט ער געדענקט א גמרא 'דארט און דארט', און ער איז געווען קלאר! און אזוי איז געווען "ארבעה שלחן ערוך'ס"!

דאס איז נישט קיין וועג! 'זאגן' איז נישט קיין וועג, פאר דיר אוודאי נישט! מען קען פארשטיין א שטיקל גמרא - דארף מען וויסן וואס מען לערנט!

(ר' נחמן בורשטיין: איר האט געגומען א שיחה אינמיטן, גיב א קוק וואס ס'שטייט פאר דעם און נאך דעם, דער רבי זאגט אזוי, "ועל ידי זה - נאכדעם וואס ער וועט ענדיגן עטליכע מאל - ממילא יבין

[כה] עי' כתר שם טוב אות תכ"ג.

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ב' אות ב': כְּשֶׁנִּתְחַדֵּשׁ הֲלָכָה, נִתְחַדֵּשׁ שֵׂכֶל וִידִיעָה, וְהַדַּעַת הוּא עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא... ועי' גם ספר המידות - ערך לימוד אות י': כָּל יְדִיעָה בְּמִשְׁפְּטֵי הַתּוֹרָה, הֵן מִצְווֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ הֵן מִצְווֹת שֶׁבֵּין אָדָם לְקוֹנוֹ, הַיְדִיעָה הַזֹּאת בְּעַצְמָהּ הִיא הַצְלָחַת הַנֶּפֶשׁ.

בפעם השני", אויב אין דעם צווייטן מאל זאגט ער ווייטער ווי דעם ערשטן מאל, וואס פארשטייט ער?!)
**אויב ער וועט 'זאגן' וועט ער אין זיין לעבן נישט פארשטיין!**

❖

# ואם לא יבין תיכף - יבין אחר כך

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט צו ר' נתן'ען - דער רבי האט אים געהייסן לערנען 'עץ חיים',[כז] ר' נתן האט קיינמאל נישט געלערנט קיין 'עץ חיים', [איידער דער רבי האט אים געהייסן לערנען עץ חיים, האט ער אים געהייסן ער זאל לערנען אלע ארבעה שלחן ערוך'ס] - האט ר' נתן געזאגט "איך וויים נישט, איך וויים נישט! איך האב דאך קיינמאל נישט געלערנט קיין עץ חיים!".

האט דער רבי אזוי געזאגט: **"דו לערן, אז דו וועסט נישט וויסן, וועסטו מאכן א 'פינטעלע', אז ס'וועט קומען דאס אנדערע מאל, וועסטו שוין האבן ווינציגער 'פינטעלעך'!"**,[כח] האט דער רבי אים אזוי געזאגט.

דאס איז וואס 'עץ חיים' קען מען גארנישט פרעגן, אז מען ווייסט נישט קען מען גיין ווייטער, דארטן איז נישט שייך, דארטן איז ממש די 'מעשה מרכבה', אז איך וויים נישט, גיי איך ווייטער.

דאס האט דער רבי אזוי געזאגט - אפילו אין 'עץ חיים' וואס מען קען נישט פרעגן - האט ער אים אויך געזאגט, "דא וואו דו וועסט נישט פארשטיין מאך א 'פינטעלע' - 'דא פארשטיי איך נישט'!".

מען זעהט דאך א סימן, אז אפילו איך פארשטיי נישט, דארף איך אויך האבן א 'פינטעלע' - "דא פארשטיי איך נישט", און דעם אנדערן מאל - אז איך זעה דאס פינטעלע - וועל איך אין אסאך ערטער יא פארשטיין, וואו איך האב פריער נישט פארשטאנען!

❖

---

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות ב' ואות תל"ה.

[כח] עי' שיש"ק הנדמ"ח ח"ג אות ת"ג.

# עניה במקומה ועשירה במקום אחר

(השואל: ס'איז דא איינער, אז ער הויבט זיך אן מוטשען גייט ער אוועק פון די גמרא), **ניין ניין, ס'איז געוועגדעט, דער מוטשען האט אין זיך אויך א זאך - "פארוואס מוטשע איך זיך"? א שטיקל גמרא אין 'ברכות' און איך וויים נישט - איך פרעג איינעם און איך וויים עס שוין! א שטיקל גמרא אין 'סדר קדשים' - איך האב עס קיינמאל נישט געלערנט, ס'איז פאר מיר פרעמד, דאס איז א אנדער זאך, גיי ווייטער! גיי ווייטער! אז דו וועסט לערנען 'קדשים'** (במשך הזמן תבין) - - -

**וואס זאגט די גמרא,[כט] "ממרחק תביא לחמה - עניה במקומה ועשירה במקום אחר", די תורה איז ארעם 'במקומה', אין 'במקום אחר' איז זי רייך, 'דארטן' קען ער פארענטפערן 'דא', "ממרחק תביא לחמה".**

(ר' נחמן בורשטיין: אמאל איז דא וואס די גמרא ברענגט א ענין 'דרך אגב', איז ער פארשטייט עס נישט, אבער אין א אנדער פלאץ איז שוין די גמרא מאריך אין דעם ענין), **יא יא, "עשירה במקום אחר"!**

(אחד הנוכחים: קומט אוים אז מען דארף פארשטיין וואס מען קען, דער רבי מיינט נאר - א פלאץ וואס ער פארשטייט נישט?) **יא, זאל ער גיין ווייטער!**

**און נאך א זאך: אפילו ער גייט ווייטער, דארף ער אויך וויסן אז "דא וויים איך נישט", "דא וויים איך נישט", ס'וועט קומען ווייטער וועט ער זעהן - דא אויך** (פארשטייט ער שוין יא).

**די הלכה איז 'ברורה' אז 'זאגן'** (איז נישט געלערנט)**!**

❖

# לפרש הדבר בלשון שמבין

(ר' נחמן בורשטיין: ס'איז דא א תורה אין לקוטי מוהר"ן, זאגט דער רבי אז מען זאל אפטייטשן וואס מען לערנט! "צריך לפרש הדבר בלשון שמבין"),[ל] **יא יא, אפטייטשן.**

---

[כט] ירושלמי מס' ראש השנה פרק ג' הלכה ה' (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ק"ה).

[ל] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ח.

בײַ אונז איז געװען אײנער "ר' הערשל טעפּליקער" - ר' אליהו חיים (רוזין ז"ל) רעדט אסאך מאל פון אים - ער איז געװען א פּראָסטער מענטש, און נאכדעם אז ער איז געװאָרן מקורב, און איך בין געװען אן ארימאן א גרויסער, האט ער מיר געצאָלט איך זאל לערנען מיט אים 'לקוטי מוהר"ן'.

האבן מיר אנגעהויבן די תורה, האב איך געמוזט פאַרטײַטשן יעדעס װאָרט, ס'איז אזוי שװער געװעזן...

כי - װאָרום, איש - א מענטש, ישראלי - א איד, אזוי האב איך געמוזט זאגן, צריך - דאַרף, תמיד - שטענדיג, להסתכל - װאָס איז טײַטש 'להסתכל'?... האב איך יעדעס װאָרט געמוזט פאַרטײַטשן.

ער זאגט מיר: "װאָס אַרט דיך? איך צאָל דאך אײך געלט, װעט געדױערן לענגער!"...

ס'איז געװען װערטער װאָס איך האב אלײן אויך נישט געװאוסט... אז יעדער װאָרט זאל איך פאַרטײַטשן?! אזא 'פּשטן' איז ער געװעזן!

אבער ס'איז אװעקגעגאנגען א שטיקל צײַט, האט ער געלערנט א תורה פײַן!!

(השואל: ס'איז דא אז אײנער זעהט אז ער דאַרף 'הארעװען', װעט ער אנטלויפן, װעט ער װערן א שַבַּאב'ניק אינגאנצן) ער װעט נאך 'גיכער אנטלויפן' אויב ער װעט נישט האבן קײן שום חיות פון לערנען! נאר 'זאגן', װעט ער גיכער אנטלויפן!...

הכלל, איך קען אײך נישט זאגן, נאר א זאך װאָס איך האב געזעהן פון אונזערע מענטשן!

איך קען נאר זאגן דאס דאָזיגע װאָס איך האב געזעהן פון אונזערע מענטשן, װאָס האבן געהאט 'בקיאות', און זײ האבן 'געלערנט', נישט 'געזאגט'!

זײ האבן געלערנט גמרא מיט רש"י, אז זײ האבן געהאט װעמען צו פרעגן, האבן זײ געפרעגט אויך – אז נישט זענען זײ געגאנגען װײַטער, און מיט די צײַט האבן זײ שײן געקענט לערנען!

(השואל: זיבן בלאט א טאג?) נײן, זיבן בלאט א טאג איז שוין געװען בײַ זײ שפּעטער.

❖ ❖ ❖

# שיהא שם שמים מתאהב על ידך

(רמ"ב מציע לפניו עוד שאלה אודות נסיעה של בני ישיבת ברסלב בבני ברק בחצות הלילה לשדה להתבודדות עם 'אופניים' - 'בייזיקעס') **די 'בייזיקעס' איז נישט קיין שיינע זאך, די כוונה איז א גוטע כוונה - אבער די זאך איז נישט קיין שיינע זאך!**

(רמ"ב: די שאלה איז, ער שטייט אויף 'חצות', ער מאכט א חשבון - זאל ער ארויסגיין 'חוץ לישוב' דארף ער גיין א 'שעה צייט' צופוס, און א 'שעה צייט' צוריק, ווערט ער פארמאטערט דעם גאנצן טאג, אזוי - איז ער אין א 'צען מינוט' דארטן; ר' נחמן בורשטיין: ס'איז נישט פאר א ישיבה בחור, ס'איז א רעכטער 'עובדא דחול'!; רמ"ב: דער רבי איז דאך געפארן מיט א פערד!?; רנ"ב: אין א דארף!)[לא] **עס שטייט דאך אז די אלע** (תנאים) **- פון ר' שמעון'ען - האט ער געריטן אויף אן 'אייזעלע', שוין...**

**איך בין נישט קיין 'פוסק', איך זאג נאר די זאך, איך ווייס ביי אונז איז געווען אסאך אידן וואס זענען אויפגעשטאנען חצות, און געגאנגען אין פעלד אריין, און מען איז נישט געפארן מיט קיין בייזיק...**

(רמ"ב: ס'איז דא ברסלב'ער יונגעלייט וואס זיי האבן יא), **איך וועל דיר זאגן אזוי, ס'איז פארהאנען אמאל - ס'איז דא א ענין פון קוקן אויף א 'ווייטן קוק', ס'קען זיין ס'זאל ווערן דערפון פגמים פון די בייזיקעס, כאטשיג 'לפי שעה' איז עס א גוטע זאך.**

**היינט פעהלט נישט אין גאס - ס'פעלט נישט אנדערע זאכן, אז ער האט שוין א בייזיק, קען ער שוין באקומען אנדערע געדאנקען אויך, און ווערן אפגעריסן פונעם לערנען!**

**פון אויבנאויף איז דער בייזיק אים מקרב, ס'מאכט אים 'תורה', ס'מאכט אים 'תפילה', און ס'קען זיך אויסדרייען דערפון אמאל א 'פגם', א 'גרויסער פגם', ער זאל ווערן אינגאנצן דערווייטערט! על פי רוב די שבאב'ניקעס האבן אלע בייזיקעס, מיט די מאטארציקלעך...**

---

[לא] עי' חיי מוהר"ן אות ר"ל: סִפֵּר רַבִּי נַפְתָּלִי שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל, שֶׁטּוֹב הָיָה שֶׁיִּהְיֶה לְאִישׁ כָּשֵׁר סוּסִים, שֶׁיִּסַּע בְּכָל פַּעַם עִם בְּנֵי הַנְּעוּרִים לְתוֹךְ אֵיזֶה יַעַר וְכַיּוֹצֵא, וְשָׁם יְדַבְּרוּ יִרְאַת שָׁמַיִם וְיִהְיֶה לָהֶם הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ', כִּי בְּשָׂדֶה וְיַעַר טוֹב מְאֹד לְהִתְבּוֹדְדוּת. וְסִפֵּר אָז מֵעִנְיַן הַנְהָגוֹתָיו בִּימֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁהָיָה רָגִיל לִקַּח סוּס מִבֵּית חוֹתְנוֹ וְרָכַב עַל הַסּוּס לְאֵיזֶה יַעַר, וְשָׁם יָרַד מֵהַסּוּס וּקְשָׁרוֹ לְאֵיזֶה אִילָן, וְהוּא הָלַךְ לְתוֹךְ הַיַּעַר לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ וְהִתְבּוֹדֵד שָׁם כְּדַרְכּוֹ...

**"פעמים ביטולה של תורה זהו קיומה",[לב] ס'איז דאך 'ביטולה של תורה', יא? ער דארף גיין צופוס א האלבע שעה, און ס'איז 'ביטולה של תורה', דארף מען האבן א בייזיק?! אבער דאס איז דער "קיומה של תורה"! פארוואס? ווייל דער 'נולד' קען ווערן א 'שלעכטער נולד'!**

**מיר האבן געזעהן בחוש אז די אלע שבאב'ניקעס פארן אלע מיט בייזיקעס, פון בייזיקעס ווערט אנדערע זאכענישן, און אזוי ווי דער בייזיק איז מקרב צו 'קדושה' - איז דער בייזיק מקרב צו די 'סטרא אחרא' אויך! ער דארף גיין צו די 'סטרא אחרא' א 'האלבע שעה' - און אין 'צען מינוט' איז ער שוין דארט, איז דארטן אויך מקרב דער בייזיק!**

**איך בין נישט קיין 'רבי' און איך בין נישט קיין 'בן רבי', איך זאג נאר די דאזיגע זאך - אז בכלל ארויסגעבן נייע זאכן וואס אונזערע עלטערן האבן דאס נישט געטוהן, אונזערע זיידעס האבן דאס נישט געטוהן, און מען האט עס נישט געזעהן ביים רבי'נס מענטשן, דארפן מיר עס אויך נישט טוהן!**

❖

(רמ"ב: ס'איז דא א קליינע פעלד נאנט צו די ישיבה, דארטן טרעפט זיך פרייע מענטשן וואס וואוינען נישט ווייט, וואס דאס קען ממש קאליע מאכן, קען זיין א שאלה בכלל צו קען מען לאזן בחורים גיין אין פעלד, וויבאלד אז עס דרייען זיך דארט אזעלכע מענטשן?)

**אמאל איז געווען אנדערש, ס'איז געווען א 'פחד', מען האט מורא געהאט שיקן א 'בן יחיד' אין די פעלדער,[לג] היינט איז נישט מחמת 'פחד', נאר אזוי ווי די 'קדושה' זוכט א 'מקום סתר', זיך קענען וואס גיכער מתבודד זיין, זוכט די 'סטרא אחרא' אויכעט א 'מקום סתר', און זיי געפינען אויך.**

❖

---

[לב] עי' מס' מנחות דף צ"ט ע"א.

[לג] רצ"ל עפ"י מש"כ בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ט' (ג): דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מֵהַדֶּרֶךְ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה שֶׁגִּלָּה אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל ... וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁבֶּאֱמֶת אֵין בָּזֶה שׁוּם פַּחַד כְּלָל, כְּמוֹ שֶׁאָמַר אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל בְּפֵרוּשׁ בְּעֵת שֶׁדִּבְּרוּ לְפָנָיו מִזֶּה, וְאָמַר שֶׁאִם הָיָה לוֹ בֵּן יָחִיד הָיָה מְשַׁלְּחוֹ יְחִידִי בַּלַּיְלָה לַשָּׂדֶה וְלֹא הָיָה חוֹשֵׁשׁ לְשׁוּם דָּבָר, וְאָמַר זֹאת עַל כָּל אָדָם שֶׁאֵין לִפְחֹד כְּלָל מִשּׁוּם דָּבָר, כִּי שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָן נִזּוֹקִין (פְּסָחִים ח:), בִּפְרָט מִצְוָה כָּזֹאת.

# והצנע לכת עם אלקיך

(ר' נחמן בורשטיין: דער בחור בשעת ער גייט נישט אין פעלד - אויב זיין הארץ ברענט אויף 'התבודדות' דארף ער האבן התבודדות אפילו 'בחדר מיוחד' אויך, אויב ער גייט 'נאר אין פעלד' און נישט אין קיין אנדער פלאץ, האלט ער נישט ביי 'התבודדות', ער גייט נאר ווייל יענקל מיט געצל און שמערל גייט... דער רבי האט גערעדט פון א 'חדר מיוחד' אויך).

איך וועל דיר זאגן עפעס, די פעלד איז שוין אזוי פיל געווארן מפורסם איז ס'איז נישט קיין 'בדד', ס'איז געווארן אזא מפורסם'דיגע זאך - ממש ס'איז א ריכטיגער מפורסם.

איך האב געזעהן מיין שווער (ר' אהרן קיבליטשער ז"ל), ער פלעגט אסאך מאל גיין אין פעלד אריין, און ווער האט געוואוסט?! ער האט זיך געמאכט ווי ער גייט צום פריץ, ער גייט צום גראף, און געפוצט די שיך, ווער האט געוואוסט?!

היינט איז געווארן די זאך אזוי מפורסם, מען קען נישט זאגן, איך האב מורא צו מישן זיך, איך זעה דאך שוין אז ס'האלט שוין ביי א בייזיקל, ס'האלט שוין ביי א מאטארציקל, ס'האלט שוין ביי אזוי...

(ר' נחמן בורשטיין: ווען מיר זענען געווען בחורים און מען איז געגאנגען אין פעלד, אזוי 'בהצנע לכת', פלעגט מען גיין מיט ר' שמואל שפירא, ר' לייבל שפירא, ר' מרדכי אלעזר, אבער ס'איז געווען 'בהצנע').

איך ווייס נישט, דער זאך איז אזוי - די זאך געפעלט מיר נישט, אבער זאגן יענעם דיעות וויל איך נישט, די בייזיקעס געפעלט מיר נישט, נאר זאגן יענעם 'עשה כך'?! - - -

איך האב מורא פאר דעם 'נולד' דערפון, הער זיך איין - אזוי "ברסלב'ער חסידים" לאקערט מען דאך אויף זיי, און בכלל אויף דער 'ישיבה', טאמער די ישיבה וועט באקומען א שטיקל נאמען - מער פעלט נישט נאר אז איינער זאל זעהן פון די גאס דארטן אז ברסלב'ער פארן מיט א בייזיק ביינאכט, מער פעלט נישט - וואס זיי זאלן דאס אויסטייטשן, וואס זיי זאלן מאכן דערפון!

דער 'דרך התמימות' פון פראסטיק (- פשיטות), איז דאס גאנץ ווייט פון בייזיקעס, נו...

(ר' נחמן בורשטיין: אז ס'ברענט איינעם, גיט ער א גיי און ער גייט! דעם איז נישט קיין מניעה קיין בייזיק), מען קען דאך אויפ'ן וועג אויך רעדן צום אויבערשטן, ביז ער קומט אן.

פון וואנעט ווייסט ר' נתן צבי אז מען פארט ביינאכט חצות מיט א בייזיק? (רמ"ב: מען האט שוין געטראפן, ס'איז געווען שוין איינמאל ס'איז געווען א פרסום פון דעם, און ר' נתן צבי איז געשטאנען אויף דעם פעסט! - למנוע מהבחורים לנסוע).

די זאך געפעלט מיר נישט, נאר זאגן יענעם, פסק'עווען, מעניש זיין, ארויסשיקן פון די ישיבה, קען איך נישט זאגן, אבער די זאך געפעלט מיר נישט, דער 'נולד' האב איך מורא וועט זיך אויסקראצן נישט שיין.

(רמ"ב: אין כולל חזון איש איז אויך דא אסאך בייזיקעס, זיי קומען און גייען אין כולל, און פארן צוריק אהיים), אבער 'צוועלף ביינאכט' וואס קען מען שוין זאגן, טאמער וועט מען זעהן בחורים פארן איז א געוואלדיגער קלאפ פאר די ישיבה, מער פעהלט נישט ס'זאל זעהן צוויי בעלי בתים פון די שטאט, צוויי אנדערע אינגעלייט וואס זענען נישט אזעלכע גרויסע ליבהאבערס - אז ברסלב'ער בחורים פארן ביינאכט צוועלף מיט א בייזיק, "אה, ווער ווייסט וואס זיי טוהען דארט", גיי זאג "ער האט התבודדות"...

מיר דארפן נישט זיין מופרך פון די וועלט, טוהן אזעלכע זאכן מיר זאלן דארפן ענטפערן 'תירוצים' דערויף... שוין.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **מנחם** **קויפמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב**

מוה"ר **אברהם ישעי'** **מאליק** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת נשואי בנו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון** **לעבאוויטש** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה

מוה"ר **אפרים** **גערליץ** הי"ו
לייקוואוד יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **בעריש** **קויפמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו למזל טוב**

מוה"ר **אליעזר** **וואלדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

**ביהמ"ד מעינות הנחל ד'חסידי ברסלב, קרית יואל יצ"ו**
לרגל שמחת נשואי החתן כמר **משה אריה קרויס** הי"ו
למזל טוב
ירושלים עיה"ק

מוה"ר **שלמה שטויבער** הי"ו
וחותנו מוה"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו - נכדתו למזל טוב**